493436

CENZURAT.


# BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

א בלאט וועגען רעליגיאן און מאראל.


„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...

(ישעיה נ״ב, 7).

לכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

ווי ליבליך זענען אויף די בערג, די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטעס גיבן צו הערן די ישועה...״

(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״

(ברית החדשה : מרק ט״ז 16).

No. 7—8. 1928. קישינעוו.

## אינהאלט:


1. די רייזע...
2. דער קלאוויר (פיאנע)
3. פראגען פאר אידען
4. די הילף פון ציון (שיר)
5. דער 52 יאהר-טאג.
6. וואס דארף ישראל וויסן.


## די רייזע קיין אמעריקע און צוריק.

פון ל. און מ. אווערבאך

נאך אלע פאראדנע און ריהרענדע אבשיד פערזאמלונגען וועלכע די ברידער און שוועסטער אין משיח פון קעשענעוו האבן געמאכט לכבוד אונזער רייזע, זענען מיר אוועקגעפאהרען קיין בוקארעסט און פון דארט קיין פראגע. דארט האבן מיר זיך געזעהען מיט א באליבטען אידישען ברודער יוק וועלכער האט זיך באקעהרט צו גאט אין אדעסא אין אונזער צייט. ער ענדיגט יעצט זיין שטודירען אויף דאקטאר אין דעם פראגער אוניווערסיטעט. שוין 9 יאהר האבן מיר זיך מיט איהם ניט געזעהען און אונזער באגעגעניש איז געווען זעהר, זעהר א פרייליכע. ס׳איז וואונדערבאר צו זעהן ווי דיזעס קינד גאטעס איז געבליבן שטארק און טריי אויף דעם אכת׳ען וועג פון משיח ניט קוקענדיג אויף אלע שוועריגקייטען, וועלכע זענען איהם פארגעקומען און קומען פאר דורכצומאכען.

גיך האבן מיר געמוזט זיך אויך מיט איהם צושיידן און ווייטער פאהרן. אין האמבורג - דייטשלאנד

ביים פאסטאר פראנק האבן מיר ווירער געהאט אנ-אנגענעמען בעגעגניש מיט דער אידישער שוועסטער אירא, וועלכע איז אין קישינעוו, בא אונז גלויביג געווארן און איז יעצט דארט אין ספיטאל צו לערנען קראנקענפלעגערין צו זיין. מיר האבן געהאט פיל פריידע זיך צו דערמאנען מיט איהר וועגן די ליבע ברידער און שוועסטער פון קעשענעוו מיט וועלכע מיר האבן זיך צושיידט ניט וויסענדיג אויף וויפיל צייט. דער פאסטאר פראנק האט אונז בעוויזן אמת קריסטליכע הכנסת אורחים. ער האט אויך אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט וואס מיר האבן איהם געשיקט אזא מין גוטע שוועסטער ווי שוועסטער אירא. דאס האט אונז זעהר געפרייט.

אין האמבורג האבן מיר זיך שוין שטארק אנגעהויבן צו גרייטן צו אונזער שיפס-רייזע אין דער שיפס-געזעלשאפט „האמבורג-אמעריקא ליניע”. צום סוף זענען מיר אפגעפארען פון ברעג אויף דער גרויסער שיף „אלבערט באלין”. אונטער דעם אנדרוק פון צושיידונג מיט אונזערע טייערע פריינד, ברידער און שוועסטער אין משיח האבן מיר דעם ערשטען טאג געלעבט מיט די געדאנקען פון זיי און פון אלעמען וואס מיר האבן מיט זיי איבערגעלעבט. נאר אויפן צווייטען—דריטען טאג ווען מיר זענען שוין פארבייגעפארען די פראנצויזישע און ענגלישע ברעגען און מיר האבן זיך געפונען אין די גרויסע וואסערן פון גרויסען ים, עפעס אנאנדער געפיהל האט אנגעהיבן אונז צו באהערשען. קיין ברעג האט מען שוין ניט געזעהן, ארומגערינגעלט מיט וואסער און הימלישען צודעק האט זיך אונזער גרויסע שיף אויסגעוויזען אזוי קליין, אזוי גארניט אין פערגלייכנים מיט דיזע עלעמענטן.

מיר האבן דעמאלט אנגעהויבן צו לערנען „די וואס פאהרן אויף די שיפן אויפן ים.... זעהען די ווערק פון גאט' יורדי הים באניות... המה ראו מעשי יהיה (תהל. ק"ז). דיזע לעקציאנען וואס גאט האט אונז געלערנט אויף די וואסערן פון ים, האבן געבראכט פיעל ברכות אונז און אנדערע. וועגן דעם און פילען אנדערעם וועל איך איה נאך ווייטער ערצעהלען.

ל. א.

# א קלאוויר אין דער קרייטשמע.

פון מ. ריכטער.

(פארטזעצונג).

III.

עס איז אמאל דורך געפארען א רייזענדער און האט זיך אבגעשטעלט אין דער קרייטשמע. ער האט געהאט טיפע מוזיקאלישע געפילען.

ער האט באמערקט דעם פיאן, אבער ער האט זיך ניט ערלויבט אליין צוגעהן און עפעס שפילען, אדער עס קען זיין אז ער האט זיך ניט געוואלט אויסשמירען זיינע פינגער אין דעם שמוציגען קלאוויר. נאר ווען ער האט דערהערט ווי א שכור'ער בעל-עגלה האט אנגעהויבען צו קלאפען מיט זיינע קולאקעס איבער דעם קלאוויר, האט ער דערקענט אין די ווילדע טענער דעם אמאליגען שטאלץ פון דעם פיאן און האט געגיבען א געשריי: „אוי וועה, דאס איז מיין לערערס פיאן!”.

דער רייזענדער איז געווען א שילער פון דעם פארשטארבענעם קאמפאזיטאר. אלע זיינע מוזיקאלישע למודים, פלעג ער דורך געהן אויף דעם דאזיגען פיאן.

דא אין דער קרייטשמע האט ער זיך דערמאנט אין זיינע קינדער יארען, ווען ער פלעג פארברענגען גליקליכע מאמענטען אין דעם קאמפאזיטאר'ס סאלאן, ער האט זיך דערמאנט אין דעם אמאליגען גלאנץ פון דעם פיאן און זיינע מעלאדיען, און איצט . . . איצט ווערט ער פארווארפען אין דער קרייטשמע.

דער רייזענדער איז צוגעגאנגען צום פיאן און האט אנגעהויבען צו שפילען. אויף א מאל האבען זיך דערוועקט אין דעם פיאן די אמאליגע מעלאדיען און עס איז געווארען שטיל צווישען די שכורים. אלע האבען זיי מיט א מאל זיך צוגעהערט צום שפילען גלייך ווי מע האט זיך אויסגעניכטערט פון דעם וויין און פון דעם בראנפען.

די שכנים, וועלכע האבען ערשט צוריק מיט עטליכע מינוט געשאלטען אז דער פיאן זאל פארברענט ווערען, זענען צוגעגאנגען צום פענסטער און האבען באוואונדערט די מוזיק זאגענדיג: „דאס איז הימלישע געטליכע מוזיק”. דער שענקער,

BCU Cluj / Central University Library Cluj

זיין פרוי און זיינע קינדערליך האבען זיך אויך אנידערגעשטעלט זיך צוהערען צו דער מוזיק. ערשט איצט האבען זיי זיך דערוויסט וואס פאר א מין טייערען מוזיקאלישען אינסטרומענט זייער כרייטשמע פארמאגט. דער פיאן מיט זיין אלט נייע מעלאדיע האט גלייך ווי געוויינט: „נעוואלד, וואס ליג איך דא אין דער כרייטשמע', אדער מיט אמאל האט זיך געוועקסעלט זיין ווייגענדיגע מנגינה אויף א פרעהליכען מארש, גלייך ווי ער האט אויסגעשריגען: „איך בין א פיאן פון דעם אלטען בארימטען קאמפאזיטאר".

א גאנצע שעה האט געדויערט דאס שפילען. דאס איז געווען די איינציגע שעה אין דעם לעבען פון דעם פיאן אין דער קרייטשמע, ווען ער האט געמאכט א גרויסען איינדרוק און א פרייד זיינע צוהערערס.

דער רייזענדער איז אוועקגעפארען. עס האבען ווידער אמאל אנגעהויבען די שכורים צו קלאפען מיט זייערע גראבע פינגער אויף דעם פיאן, די שכנים האבען פארגעסען די זיסע מעלאדיע וועלכע דער רייזענדער האט זיי געשפילט און זיי האבען ווידער אמאל אנגעהויבען צו שעלטען: „פארברענט זאל ווערען דער פיאן".

דורך דעם דארף איז שוין מעהר קיין רייזענדער ניט דורך געפארען, עס האט שוין מעהר קיינער ניט דערוועקט די אלטע מעלאדיען אין דעם פיאן. ער האט אפגעלעבט אין דער קרייטשמע נאך א שטיקעל צייט ביז ער איז פארדארבען געווארען. זיין האלץ האט מען שפעטער פארברענט.

דאס איז די טרויעריגע געשיכטע פון דעם פיאן, ער איז געווען ניט מעהר ווי א שטיק האלץ און דראהט.

### .IV

ליבער לעזער, דעם פיאן'ס געשיכטע איז דיין געשיכטע, דו ביזט ניט מעהר ווי א קרייטשמע און אין דער קרייטשמע ליגט א פיאן — א נשמה. דיין נשמה האט א שענערע געשיכטע, זי האט א שענערע אבשטאמונג.

דיין פיאן — דיין נשמה האט געשאפען א גרויסער קאמפאזיטאר, דאס איז דער אלמעכטיגער גאט דער הקב"ה.

ער האט דיין נשמה געשאפען מיט א שענעם צוועק, אז זי זאל שענע מעלאדיען שפילען דא אויף דער וועלט, נאר זי פילט ניט אויס איהרע אויפגאבע, וויל זי ליגט אין א קרייטשמע — אין א קערפער מיט גראבע געפילען, און די גראבע געפילען הרג'נען אפ דיין נשמה. דיין סביבה זעהט איצט אין דיין נשמה גאר ניט קיין גוטס און גאר ניט קיין עדעלס, וויל זי איז געשלאגען פון דיינע גראבע קערפערליכע געפילען. דיין נשמה וועט אין איר לעבען דא אויף דער ערד גאר ניש שאפען קיין גוטס, וויל זי האט ניט דעם קינסטלער, דעם מוזיסער וועלכער זאל קענען אויפוועקען אין איהר שענע געפילען. אזוי וועט זי שטארבען מיט דעם גראבען בעסטיאלען קערפער. אויב דו ווילסט ראטעווען דיין נשמה פון דער קרייטשמע קענסט דו זיך נאך ווענדען צום מוזיקער, וועלכער האט דיין נשמה געשאפען, דאס איז דער גאט, וועלכער האט זיך פארקערפערט אין ישוע המשיח.

יא, ישוע המשיח! דאס איז דער מוזיקער וועלכער קען שפילען אויף דיין נשמה, דאס בין איך זיין שילער, וועלכער קען נאך שפילען אויף דיין נשמה, און האב זי פארגלייכט מיט א פיאן אין דער קרייטשמע.

לאז אוועק ליבע נשמה, די גראבע געפילען פון דיין קערפער און קום צוריק צו מיין אלטען לערער — צו ישוע המשיח.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## פראגען פאר אידען.

(פארטזעצונג).

## תהלים ט"ז.

דיזער מזמור שפריכט אויך פון איין געוויסען פערזאן וועלכער זאל אויפשטיין תחית המתים און זאל לעבען אין עביגע פערגעניגען ביי דער רעכטער האנד פון גאט ב"ה. און אבוואהל ער שטארבט, דאך זאל זיין פלייש ניט פערדארבען ווערען. נון, ווער קען דיזער צדיק זיין? איז עס מעגליך דאס עס זאל זיך אויסלייגען אויף דוד המלך? איז ניט זיין קערפער געלייגט געווארען אין קבר און דארטען איבערגעבליבען? אויף וואס פאר א וייזע האט עס געקענט געזאגט ווערען

אויף איהם: לא תתן חסידך לראות שחת — „דו וועסט ניט לאזען דיין פרומען צו זעהן פערדערבניס"? איז עס אבער דען ניט אין גאנצען ערפילט געווארען אין ישוע המשיח?

שמעון וועלכער איז געשטאנען ביי דעם טויט פון משיח האט איהם נאכער געזעהן פיעלע מאל לעבענדיגערהייט. ער רעדט פון איהם אלס דער, וועמען גאט האט אויפגעוועקט פון טויט, און ציטירט דיזען מזמור אלס בעווייזע דאס עס איז שוין לאנג פריהער ערציילט געווארען ביי דעם נביא דאס עס זאל זיך זא טרעפען מיט דעם משיח. און איז עס ניט אין פולער איינשטימונג מיט איין אנדער שטעלע וועלכע שפריכט פון דעם משיח אלס זיצענדיג ביי דער רעכטער האנד פון גאט?

# תהלים כ״ב.

האט איהר שוין וועןגעלעזען די געשיכטע פון דעם משיח'ס לידען און עס פערגלייכט מיט דיזען מזמור? אויב ניט, בעטען מיר אייך עס צו לעזען; אויב יא, האט איהר ניט בעמערקט ווי איינשטימיג דיביידע זיינען? דיזער מאן האט געזאלט פעראכטעט זיין ביי דעם פאלק. וואר ניט ישוע פעראכטעט? און איז ער ניט פעראכטעט זאגאר היינט ביי אידען? דיזער מאן האט געזאלט זיינע הענט און פיס דורכגעגראבען צו האבען. וואר ען ניט די הענט און פיס פון דעם משיח דורכגעגראבען ווען ער וואר אויף דעם קרייץ? אויף דיזען פערזאן איז עס געשריבען דאס מען וועט זיך מיט זיינע קליידער צעטיילען און אויף זיין אויבערקלייד גורל ווארפען. האבען ניט די רוימישע סאלדאטען צעטיילט די קליידער פון ישוע צווישען זיך? און האבען זיי ניט גורל געווארפען אויף זיין מאנטעל?

איז עס ניט וואהר דאס ישוע זעלבסט האט ציטירט דיזען מזמור ווען ער וואר אויף דעם קרייץ? האט ער ניט אויסגעשריען „אלי אלי למה עזבתני" ווי דיזער מזמור פאנגט זיך אן? און אויב די נבואה איז ווירקליך אין איהם ערפילט געווארען, ווארום זאלען מיר איהם ניט אננעהמען אלס דעם אמאל לײדענדען, אבער יעצט סערהערליכטען משיח? ווארום זאלן מיר ניט טהון ווי דער נביא האט געשריבען, „איהר וועלכע פירכטעט גאט לויבט איהם, אלע זאמען יעקב'ס עהרט איהם, און פירכטעט איהם אלע זאמען פון ישראל"? ווארום זאלען מיר ניט אויפהערען צו צווייפלען און אנפאנגען צו גלויבען אין איהם דאס מיר זאלען פאר אימער גערעטעט ווערען?

# תהלים ק״י.

איז ניט דיזער מזמור געשריבען געווארען ביי דוד המלך? איז עס ניט וואהר דאס דוד רופט דא דעם משיח „אדני" — מיין הער? איז ער דא ניט געשילדערט אלס איינער וועלכער זאל זיצען צו דער רעכטער האנד פון גאט? איז ער דא ניט פארגעשטעלט אלס א שר און כהן? דוד וואר א מלך, וואר ער אבער א כהן?

האבען מיר דען ניט בעווייזע דאס דורך דעם משיח זאל ווערען איין אומענדערונג אין דער כהנה? שטעהט עס דא ניט געשריבען דאס ער זאל זיין א כהן אויף דעם ארט פון מלכי צדק? וואר ניט די כה:ה פון מלכי צדק פארשידען פון דער כהנה פון אהרן? איז עס ניט געמיינט דאביי איין אומוועקסלונג אין די גזעצען פון די קרבנות? אויב זא, איז עס ניט ערפילט געווארען אין ישוע המשיח? האט ער ניט אפגעגעבען זיין לעבען אלס קרבן? זאלען מיר צו איהם ניט קומען נאך סליחת חטאים? און איהם אננעהמען אלס אונזער כהן און מלך?

כן יהי רצון אמן.

י. וו.

RCU Cluj / Central University Library Cluj

# די הילף פון ציון.

מיין פאלק איז אין פינסטערן
אזא לאנגע צייט
אין גלות פאריאגט
געפייניגט, געפלאגט
אין אלע וועלט ענדען צוזייט
און צושפרייט
די הילף איז געקומען צו דיר.

כאר:

די הילף איז געקומען פון ציון צו דיר
א זינג דאך דיין פרייליכען שיר
פון דעם גלות, בית יעקב ביזטו
פריי געמאכט
די הילף איז געקומען צו דיר.

אויס ציון די הילף איז משיח אליין
נאר ער לעזט דיך אויס
זיין כח איז גרויס
ישראל ווי פריילך דו ווידער
קענסט זיין
די הילף איז געקומען צו דיר

א גלויב דאך, ישראל, דעם אמת'ן ווארט
געבענטשט זאלסטו זיין
די ברכה איז דיין
געבענטשט איז דיין לאנד, פיל
געבענטשט יעדער ארט
די הילף איז געקומען צו דיר.

מרים אווערבאך.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# דער 52-טער יאהרטאג.

א יום-טוב'דיגע צורה האט געטראגן „בית-אל" פרייטאג אויף דער נאכט, דעם 1-טען יוני. א הייליגע שטילקייט האט געהערשט אין דער אטמאספער אין דער צייט ווען איינער נאכ'ן אנדער'ן זיינען אריינגעקומען און פלאץ גענומען אין דעם שעהן-בעלייכטעטען און מיט גרינעס בעפוצטען זאל. „52 יאהרליכער יום-טוב"—אזוי שילדערן די פראגראמען וועלכע ווערן פערקויפט ביי דער טהיר.

52 יאהר צוריק וואלט איהר געקענט זעהן דזשאן ווילקינסאן, אן-ענגלענדער און א קריסט אין די אידישע גאסען פון לונדון מיט זיין העברייאישען תנ"ך אין דער האנד דערצעהלענדיג אידען וואו און ווען ער האט נאר דאס מעגליכקייט געהאט וועגן איהם פון וועמען משה והנביאים האבן גערעדט. ער געהט צו רייכע און ארימע, יונגע און אלטע, געלערענטע און אונגעלערענטע. אפטמאל איז ער אויפגענומען פריינדליך, פיעל מאל געזידעלט און שלעכט בעהאנדלט. ער טהוט אבער די זאך ניט אויס פאנאטיזם נאר אויס געטליכער ליבע צו ישראל און די ליבע, וועלכע האט זיך ניט אפגעשטעלט פאר גלגלת, שטעלט זיך אויך ניט אפ פאר קיין בזיונות. זיין ליבע איז ארויסגעוואקסן פון א טיפער איבערציינגונג וועגען דער הויכער פאזיציע וועלכע דער איד פארנעמט אין גאטעס פלאנען, א פאזיציע וועלכע אפילו דער גלות קען ניט אוועקנעמען אדער פארענדערן. איך בריינג דא א קליינינקען עקסטראקט פון זיינע פילע און מערקווירדיגע שריפטען: „דער איד איז גאט'ס בכור אין דער משפחה פון די פעלקער און אלע גוים זענען זיינע יונגערע ברידער.... וואס זענען די פריווילעגיעס פון א בכור? א דאפעלטער חלק פון פאטער'ס ירושה.... אלס בכור אין דער משפחה פון די פעלקער האט דער איד א דערהויבענע

שטעלע, א הויכע פריוויליעגיע, א גרויס'ע פערזאנט-ווארטליכקייט"...

52 יאהר. אין דער „קול קורא במדבר" איז יעצט א גרויסע מחנה אין פילע לענדער וויל אונזער מיססיאן ארבייטעט יעצט אין ניט וועניגער ווי נײַן לענדער, אין איינינע מיט מעדיצינישע אפּטיילונגען און ביבעל דעפא'ן.

52 יאהר, דזשאן ווילקינסאן איז שוין ניט מעהר דא, אבער מיר קענען גלייך מיט איהם זאגן: „ס'האט ניט געפעהלט איין ווארט פון אלע גוטע ווערטער וואס דער האר אייער גאט האט וועגען אייך גערעט"... (יהושע כ"ג, יד)

דאריבער האבן זיך אונזערע הערצער אויפגעהויבען אין דאנק צו גאט צוזאמען מיט אונזערע געסט פון אנדערע ערטער פון רומעניע דיזען פרייטאג און די פאלגענדע צוויי טעג. מיר זענען ניט ווערט אלע זיינע חסדים וואס ער האט מיט אונז געטהון.

דאס זענען געווען בעזאנדערע פערזאמלונגען, בעזאנדערס געבענשט איז געוועז דאס לעצטע פערזאמלונג, זונטאג אויף דער נאכט. דער זאל איז געווען געפאקט מיט עולם. דער כאר און דער ארקעסטר האבן טייל גענומען. אויך זענען געווען וויאלין-סאלא'ס און דער רוח אלהים האט געשוועבט איבער אונז. גאט זיי דאנק!

52 יאהר. מיר ווייסען ניט וויפיל מאל מיר וועלען נאך קענען האלטען דעם יום-טוב. עס פיהלט זיך שוין אז די צייט איז נאהענט ווען די פיס פון אונזער משיח וועלען שטעהן אויפ'ן הר הזיתים אין זיין צווייטען קומען (זכריה יד,ד). ביז דעמאלט צו ליבען, צו בעטען, צו רופען ישראל צ'ם מקור מים חיים איז אינזער ערנסטער וואונש און הייליגע איפגאבע.

י. ש. אסטרובסקי.

# וואס דארף ישראל וויסן?

BCU Cluj / Central University Library Cluj

(פארטזעצונג פון No. 3 — 4)

עס זענען דא וויכטיגע זאכען, פון וועלכע די מערסטע אידען האבען קיין בעגריף ניט. זיי קענען זיי ניט און ווייסען ניט פון זיי. זיי ווייסען ניט, צו וואס גאט האט זיי באשטימט אויף דער וועלט, דערפאר האבען זיי זיך גענומען צו אנדערע זאכען, וואס שטימען ניט מיט גאטס ווילען. זיי ווייסען ניט, אז דורך איינעם פין אידישען פאלק זענען מיליאנען כמעט טויטע מענטשען לעבעדיג געווארען, האבען באקומען גליק און פרידען און זענען געווארען גאטס קינדער. דערפאר ווארט נאך דאס פאלק ישראל אויף איינעם, וואס זאל דאס ערשט אמאל טהון. די מערסטע אידען ווייסען ניט, אז צווישען זיי און גאט איז פון זינד אויפגעבויט א מחיצה. דערפאר בעטען זיי און בעטען יאהר הונדערטער, און זייערע תפלות גייען נאר ביז צו דער מחיצה און קומען ניט צום הימלישען פאטער, זיי ווייסען ניט פון די וואונדערבארע און הערליכע נבואות, וואס לייכטען ווי פונקעלדיגע שטערען אויפ'ן בלויען הימעל פון האפנונג פאר דעם מאמין. דערפאר איז ישראל געווארען יאושדיג, אהן האפנונג און זעהט ניט קיין פלאן און קיין ציל אין לעבן. זיי ווייסען ניט, אז גאט האט א הערליכען פלאן מיט זיי. זיי ווייסען ניט אז זייערע פירערס שטערען זיי צו קומען צום ריכטיגען וועג, וואס פירט צו גליקזעליגקייט און צו שלום הנפש. זיי קענען ניט די כתבי קודש, די ביבעל און ווייסען ניט דעם ריכטיגען גייסט פון איהר. יא וויל ישראל ווייסט דאס אלץ ניט, איז ער דאס, וואס ער איז—א הירבן פאר זיך און פאר אנדערע. דערפאר פארשטייט ער אויך ניט אונזער שליחות צו איהם.

# וואס מוז דער איד וויסן?

אום אמת'ע אידען צו ווערען, מוז מען דאך עפעס וויסען, אבער ריכטיג וויסען, און וועגען דעם רעדט טאקע גאט צו אונז דורך זיין דינער אין פסוק 36: „לכן ידע נא בית ישראל כלו ברור כי האלהים שם את ישוע זה אשר צלבתם לאדון ולמשיח". דאס גאנצע הויז ישראל מוז דאס געוויס וויסען, ניט נאר עפעס אבערפלעכליך גלויבען,

אראפשלינגען דאס, וואס עס איז ניט באנגרייפליך. ניין, דא הייסט עס „געווים קלאר און דייטליך וויסען", ווען דער רוח הקדש איז אויסגעגאסען געווארען אויף די שליחים, וואס זענען דורך דעם געווארן אפיציעלע מבשרים פון דער בשורה טובה און האבען אנגעהויבען רעדען מיט גאר פרעמדע לשונות.

דאן ווענדעט זיך פטרוס מיט זיין ערשטער איינטריט'ס דרשה צו די אידען, צו זיינע ברידער מיט דער איינפאכער און דאך געוואלטיגער רעדע, וואס קלינגט נאך אין אלעמענ'ס אויערען וואס ווילען עס הערען. פטרוס ענדיגט טאקע זיין רעדע מיט אונזער טעקסט: „לכן ידע נא בית ישראל..." די ערשטע יהודים—משיח'ים האבען געוואוסט קלאר און דייטליך אין וואס זיי גלויבען; עס איז ניט געזען עפעס נאר א פארשטעלונג, א כח הדמיון ווי מען וויל גערן מיינען. זיי האבען טאטזעכליך געוואוסט און געגלויבט, אז גאט האט געמאכט ישוע, דעם געקרייציגטען צום משיח. זיי האבען עס ערפארען אין זייער לעבען. און כח הדמיון וואלט ניט געקענט געבען אזוי פיל קראפט אויסצוהאלטען עינויים קשים און פארפאלגונגען, וואס די ערשטע משיח'ים האבען געהאט אויסצושטיין.

די איצטיגע קלוגע זאגען, אז ישוע'ס אנהייגער האבען איהם שפעטער געמאכט צו דעם משיח. זיי זאגען, אז בורא, אמרוזד, מחמד, שבתי צבי א. א. קענען אויך זיין משיח'ים. דערפאר ערקלערט טאקע פטרוס, אז גאט האט געמאכט ישוע'ן צום הערן און משיח, דער וואס איז געקרייציגט געווארן. בודא און די אנדערע זענען ניט געקרייציגט געווארען און האבען אויך ניט געקענט ווערען קיין משיחים. ישוע דעם געקרייציגטען האט גאט געמאכט צום הערן און משיח. דאס איז זעהר נייטיג צו וויסען. וואלטען מיר דאס געוואוסט וואלטען מיר אונז געקענט פערשפארען פיל צרות און וואלטען געקענט ברייגגען פאר דער וועלט א סך ברכות. יא, ישוע דעם געקרייציגטען האט גאט געמאכט צום משיח. דאס זענען ניט קיין פוסטע פראזען. דאס איז די קווינטעסענץ פון פטרוס' ערשטער און אזוי וויכטיגער דרשה. דאס איז די גוטע בשורה, וואס די שליחים האבען מבשר געווען און האבען דערמיט מנצח געווען די וועלט. אין דעם האט עס זיך געהאנדעלט און האנדעלט זיך נאך. ענטוועדער וויסען מיר דאס און גלויבען און ווערען דאדורך אייביגקייט'ס מענטשען, אדער מיר וויסען עס ניט און גלויבען ניט און ווערען פארלוירען. דאס צו וויסען איז דער שיידוועג פון דעם מענטשליכען לעבען.

ווען מען פא"ט אין קאנאדא פון מזרח קיין מערב שניידט מען דורך די הויכע מיט פעלזען באדעקטע עבענע, וואס הייסט ראקימאנטיינס. אויבען שטייען אין איינזאמקייט 3 איינפאכע סלופעס, וואס זענען פארבונדען מיט א קווערבאלקען, אויף וועלכען עס איז געשריבען מיט ריזיגע אותיות: „די גרויסע שיידונג". דא ליגט נעמליך די וואסערשיידונג פון צוויי פלוסנעביטע — צוויי ימים. פינקט פון דאנען גייט ארויס א קוואל וואס טיילט זיך באלד אין צוויי טייכען. איינער לויפט צו מזרח אין דורך דעם סאסאדשעוואן און נאכהער פאלט ער ביי האדסען-בעי אין ים הקרח אריין, אין דעם אייזמער. דער צווייטער גייט אפ צו מערב און דורך דעם פאסער פלוס פאלט ער שפעטער אין שטילען ים אריין. דאס איז א הערליך בילד פון דעם מענטשענ'ס לעבען: אזוי לאנג, ווי מען ווייסט ניט, אז ישוע איז משיח און הערר פון אונזער לעבען, גייט אונזער לעבענסשטראם צום אייביגען פארדארבען. די ליבע ווערט וואס אמאל קעלטער און קעלטער, ביז מען ווערט גאנץ פארפרוירען אין די זינד. קומט מען אבער דערצו, אז מען ווייסט, אז ישוע איז דער, וואס פירט אונז צו גאט און נעמט אוועק די מחיצה, די שטערונג צום הימלישען פאטער, דאן לויפט אונזער לעבען אין דעם שטילען ים אריין פון דער אייביגקייט וואו עס הערשט הארמאניע גליק און צופרידענהייט, נאך וועלכע די מענטשהייט בייקט איר גאנצען לעבען לאנג. מיר קענען קומען דערצו דורך ישוע המשיח, וואס איז דער איינציגער וועג, דער אמת און דאס לעבען.

## ווי אזוי קומט מען צו דעם וויסען?

די פראגע איז שוין געפרעגט געווארען דאמאלט, ווען די שליחים האבען געלעבט, ווי מיר לייענען אין דעם זעלבען קאפיטעל פסוק 37,

BCU Cluj / Central University Library Cluj

וואס זאלען מיר טהון? די פראגע הערט מען אפט אויך איצטער. איר דרש'עט אונז אירעאלע לערעס, הייליגעס לעבען... וואס זאלען מיר טהון כדי צו ווערען אזוי ווי איר מיינט? וועלכער איז דער וועג, וואס פירט דערצו, און וואו הויבט ער זיך אן? אויף אזוינע ערענסטע פראגעס איז דא נאר איין ענטפער, און דאס איז וואס, פטרוס זאגט א פסוק ווייטער; „טהוט תשובה!” נאר תשיבה איז דער וועג, וואס פירט אונז אין א בעסערער און א איידעלערער וועלט אריין. מע מוז אומסערען פון די פארשידענע וועגען, וואס פירען אונז, מען מוז זיך צוזאמענעמען ווי דער פארלוירענער זון און גיין צום פאטער. מען מוז דערפילען די לאסט פון די זינר; דאס הייסט, מען מוז איינזעהן, אז קיינער און קיין זאך ניט שטערט אונז אזוי אונזער פרידען, אונזער רוה און גליק, ווי די זינד און איבערטרעטונגען פון די געטליכע געזעצען. עס זיינען דא פיל מענטשען, וואס האלטען זיך פאר צו גוט אום צו שפירען די זינד.

זענען זיי אהן פרידען, מיינען זיי, אז דאס איז צוליב אנדערע אורזאכען: צוליב די שטעלונג, די עקאנאמישע באדינגונגען א. ז. וו. אזעלכע אורזאכען זענען ניט אויפ'ן וועג, וואס פירט צום פאטער. דאס ריכטיגע איז—זיך אומקערען און זיך פאראייניגען מיט דעם אלמעכטיגען גאט דורך ישוע המשיח. דאס, ליבער לעזער, כען געשעהן אויך היינט. איר מוזט אויפמאכען הארץ און גייסט פאר דעם געטליכען שטראם. וואס ווארט נאר, אז מיר זאלען אויפמאכען די טיר פון אונזער הארץ, כדי עס זאל קענען אריינשטראמען. ווען מען עפענט די שלוזע, דאן גייט דאס וואסער שוין אליין און באפייכטעט דאס פעלד. אזוי איז עס אויך מיט אונז: ווען מיר פארלאנגען אנ'אמת'ריג פארלאנגען, וועלען מיר אויך וויסען, וואס דער שליח פאדערט פון אונז: „לכן ידע כל ישראל ברור...”, און דער אמת וועט אונז שוין ווייטער פירען, און מיר וועלען באלר דערפילען פריר אין אונזער הארץ.

BCU Cluj / Central University Library Cluj


אין זאאל „בית-אל”, קישינעוו

(str. Wl. Herţ. 10) — מיעסטשאנסקאיא

דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

יעדן ש ב ת 5 א זייגער און 8 א זייגער אבענד

יעדן זונטאג 8 א זייגער

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט-בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסנארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

אין זאאל „בית-אל” איז אויך צו בעקומען המשים תנ"ך, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון-קודש, רוסיש, רומייניש.



אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.

אלע אבאנענטן ערהאלטן די „ציונ'ס-לידער” אומזיסט.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר

Adresa: Rèdacţia „Binevestitorul“ Expediţ. N. Tarlev.

str. Wl. Herţ. 10. Chişinău—Basarabia.

Redacţia şi Administraţia: Mision. Englez. „Mildmay“, L. Awerbuch